בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## דִי גַדְלוּת פוּן זָאגְן תְּהִילִים

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי נָאנְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אַז זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָנֶעם צְוֵוייטְן.

אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, וֶוען זַיין חַבֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין חַבֶר: ״וָואס קֶען אִיךְ טוּן דוּ זָאלְסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט?״ הָאט אִים זַיין חַבֶר גֶעזָאגְט: ״זָאג תְּהִילִים פַאר מִיר״; הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִילִים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן מִיט תְּמִימוּת תְּהִילִים אוּן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל תְּהִילִים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין חַבֶר אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין בֶּעסֶער, הָאט דֶער חַבֶר גֶעזָאגְט: ״נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ״, אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִילִים אוּן גֶעזָאגְט נָאךְ

אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין, עֶר
הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער
בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר,
הֵייל אוֹיס מַיין חַבֶר", נָאכְדֶעם אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען פְּרֶעגְן זַיין חַבֶר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חַבֶר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִילִים אוּן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְּרֶעגְן זַיין חַבֶר, אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין גוּט, בִּיז דֶער חַבֶר אִיז אוֹיסְגֶע הֵיילְט גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז וָואס הֵייסְט זָאגְן תְּהִילִים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען זָאגְט אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים זָאל מֶען פְּרֶעגְן דֶעם חוֹלֶה צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן אוֹיבּ עֶר זָאגְט אַז נִישְׁט זָאל מֶען נָאכְאַמָאל נֶעמֶען דֶעם תְּהִילִים אוּן זָאגְן נָאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ, אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר מִיט אֱמוּנָה אַז בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וֶועט דֶער חוֹלֶה הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.




**גענומען פון ספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ
יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1